בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

לך לך
ד' מרחשון תשפ"ד

גליון מס': נ"ג
שנה ב'


☜ די צייטן לויט אופק ירושלים ☞

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:19 |
| מוצש"ק | 7:31 |
| ר"ת | 7:10 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:52 | סוז"ת א' | 10:02 |
| סוזק"ש ב' | 9:37 | סוז"ת ב' | 10:33 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ

## די חשיבות פון אן אייגענע עבודה

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער דעם וואס לויטן ציווי פון הקב"ה האט אברהם אבינו געדארפט נעמען די וואנדערשטעקן אין די הענט אריין און פארלאזן די שטוב און די וואוינארט פון זיין פאטער.

אין די ציווי טרעפן מיר דריי לשונות. דער רבוש"ע זאגט פאר אברהם אבינו אז ער זאל ארויסגיין 'מארצך' און 'וממולדתך' און אויך 'מבית אביך'.

יעדע ווארט אין די תוה"ק איז אויסגערעכנט, און אז די תוה"ק דרוקט זיך אויס מיט דריי עקסטערע לשונות איז א סימן אז ער וויל עפעס ארויסזאגן מיט יעדן פון די לשונות, און די שאלה איז – וואס וויל די תוה"ק ארויסגעבן מיט די מערערע לשונות.

מיר ווייסן אז יעדער זאך וואס עס האט פאסירט ביי די אבות הק' איז א רמז צו זיינע קינדער, און אויך די ציווים וואס הקב"ה האט אנגעזאגט די אבות הק' איז די זעלבע זאך, און אויך דא וויל די תוה"ק ארויסגעבן די געדאנק ווי שטארק א איד דארף זיך דערווייטערן און אפשאקלען פון די כוחות הטומאה און פון שלעכטע שכנים וועלכע ווילן בעאיינפלוסן דעם מענטש.

דער אור החיים הק' אויפ'ן ארט האט א שמועס איבער די נושא. אויף דער ווארט 'וממולדתך' ברענגט ער אראפ דער מאמר חז"ל **לעולם ידור אדם בשכונת אריה ולא בעיר עם רשעים**, ווייל אז מען וואוינט מיט רשעים ווערט מען נאכגעשלעפט נאך זייערע מעשים רעים.

די נקודה וויל די תוה"ק אויך איבערגעבן פאר די ווייטערדיגע דורות. די תוה"ק וויל אז דער איד זאל וויסן אז עס איז נישט גענוג אז מען איז אליין א צדיק, נאר מען דארף נאך אלץ זיכערמאכן אז מען שטייט אוועק פון די רשעים און פון א סביבה וואו עס געפינען זיך רשעים, ווייל דער מענטש ווערט נאכגעשלעפט


<<< | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

### – ♦ וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ ♦ –

וואס וואלטן מיר געזאגט, אויב איינער וואלט באקומען א באפעל פון זיין 'בעל הבית' זיך ארויסצולאזן אויף א נסיעה צו א ווייטע מדינה, און נאכדעם וואס ער איז געפארן און האט געמאכט די גאנצע נסיעה, זאגט מען אים אז ער זאל פארן צו אן אנדער ארט.

נאכמער פון דעם, וואס וואלטן מיר געזאגט אויב מען וואלט אונז געהייסן זיך אריבערציען און גיין וואוינען אין אן אנדערע מדינה, און אנקומענדיג אהין **וואלטן מיר באקומען א נייע אנווייזונג, נאכאמאל צו פארפאקן אונזערע זאכן, און זיך אריבערציען צו א נייע ארט?**

אויך איינער וואס וואלט גארנישט געזאגט, וואלט אבער זיכער געטראכט אין הארץ געדאנקען אנטקעגן זיין 'באס', קיינער וואלט אבער נישט געטראכט אז עס קען מעגליך זיין, אז א מענטש זאל אננעמען אזעלכע אנווייזונגען, אן אפילו טראכטן עפעס א מחשבה פון וואונדער, פארוואס ער דארף נאכאמאל זיך אריבערציען פונעם ארט צו וואו ער איז פארשיקט געווארן?

דער אויבערשטער האט באפוילן צו אברהם אבינו 'לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ', צו וואו זאל ער גיין? 'אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ', און א שטיק צייט שפעטער, נאכדעם וואס אברהם אבינו איז שוין אריינגעגאנגען טיפער און טיפער אין ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וַיִּסַּע אַבְרָם הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה', שטייט גלייך נאכדעם 'וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ וַיֵּרֶד אַבְרָם מִצְרַיְמָה לָגוּר שָׁם', און רש"י ערקלערט אויפן ארט, אז נאר דארט אין לאנד איז געווען א הונגער, כדי אים אויסצופראבירן צי ער וועט נאכטראכטן נאך די ווערטער פונעם אויבערשטן, וואס ער האט אים געזאגט צו גיין צום לאנד כנען, און יעצט זאגט ער אים אז ער זאל ארויסגיין פון דארט. דאס הייסט אז **דער גאנצער הונגער אין לאנד כנען איז געווען נאר כדי צו אויספראבירן אברהם**, אבער מיר דארפן נאך אלץ פארשטיין, וואו שטייט אז דער אויבערשטער האט געהייסן אברהם ארויסצוגיין פון לאנד כנען און גיין קיין מצרים?

נאר, דא לערנען מיר **א גרויסן יסוד אין אמונה**. עס זענען דא מענטשן וועלכע גלייבן בכלל נישט אינעם אויבערשטן, ח"ו, און יעדער זאך טוען זיי אנהענגען אז עס איז געשען צופעליג אדער נאטורליך, און זיי האבן נישט קיין שום טענות אויפן אויבערשטן, וויבאלד זיי אנערקענען נישט אין אים, אבער עס זענען דא מענטשן וועלכע גלייבן אין השגחה פרטית נאר זיי האבן טענות אויפן אויבערשטן, פארוואס היינט הייסט ער אונז טון אזוי און אויפצומארגנס הייסט ער זיי טון פארקערט, דאס מיינט אז אייגנטליך קומען זייערע טענות דווקא פון דעם וואס זיי גלייבן אינעם אויבערשטן, אז ער איז דער וואס פירט די וועלט און ער מאכט אלעס געשען, נאר זיי פארשטייען נישט זיינע ווערטער.

און פון די ווערטער קומט דער ענטפער צו אונזער שאלה, ווייל דורכן הונגער האט אברהם אבינו פארשטאנען אז דער אויבערשטער טוט אים הייסן אז ער זאל אראפגיין קיין מצרים, און דאס זאגט רש"י, אז נאר אין לאנד כנען איז געווען א הונגער, כדי אויסצופראבירן אברהם און זען צי ער וועט נאכקלערן נאך די ווערטער פונעם אויבערשטן – און דאס איז אמת'ע אמונה, אז כאטש עס זעט אויס אומפארשטענדליך, זאל מען גלייבן באמונה שלימה אז דער אויבערשטער טוט אלעס, און נאר ער ווייסט וואס ער טוט, און מען זאל גארנישט נאכטראכטן אויף דער אויבערשטער.

(עפ"י טיב התורה – לך־לך)


מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

נאך זיי און לערנט זיך זייער שנעל אפ פון רשעים.

אבער אויך דא בויט די תוה"ק אויס א שטיקל סדר וויאזוי די זאך דארף צוגיין, און דער סדר איז מרומז דא אין די לשונות פון מארצך און ממולדתך ומבית אביך.

מען דארף וויסן אז אפילו אז מען דארף זיין זהיר נישט צו ווערן נאכגעשלעפט נאך די גאס און אירע מענטשן דארף עס גיין שטאפלווייז, ווען די ערשטע זאך איז אז ער זאל זיך ארומקוקן אין די 'ארץ' ארום אים און דאס איז מרומז אין דער 'מארצך', ווייל די דיעה וואס הערשט אין גאס איז געווענליך דעת בעלי בתים און דעת בעלי בתים איז היפך דעת תורה, און נאר ווען ער איז שוין אינגאנצן אפגעשיידט פון דעם קען ער גיין א שטאפל ווייטער און זיך מתבונן זיין אין די מעשים פון זיינע קרובים און דאס איז מרומז אין דער 'וממולדתך', און צום לעצט זאל ער זיך אומקוקן אויף דער 'מבית אביך'.

ביי א איד איז די מסורה הייליג. יעדער זאך וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע עלטערן איז לויטער, אבער ווייל עס קען צומאל זיין אז עס זאלן זיך אריינמישן פרעמדע זאכן און ווייל די שטרעבן פון א איד איז צו זיין לויטער זאל ער נאכ'ן זיך אפשיידן פון די כוחות וואס זענען דא אויפ'ן גאס, און נאכ'ן זיך אויסרייניגן פון די מיינונג וואס איז דא ביי די ארומיגע, זיך אויך מתבונן זיין אין די קבלה וואס ער האט מקבל געווען מבית אביו, און ווייל ביי איר איז דא די ווייניגסטע חששות איז עס די לעצטע ווייל ווען מען הייבט אן מיט התבוננות זאל מען זיך האלטן צו די מסורה און זיך האלטן מיט די 'בית אביך' און מיט אלעס וואס זי פארמאגט, און נאר שפעטער זאל מען זיך אפריינינגן פון דעם, ווייל דאס איז די לעצטע אין רייע.

עס קען זיין נאך מער. עס לאזט זיך זאגן אז אנדערש ווי ביי אונז אידן האט אברהם אבינו גארנישט מקבל געווען פון זיינע עלטערן. שוין פון קליינווייז אן האט ער זיך אפגעשיידט פון זיי און ביי אים איז דער 'מבית אביך' געווען די ערשטע, אבער אפילו אז ביי אים איז עס געווען פארקערט שרייבט עס די תוה"ק אויף דעם סדר, ווייל עס איז א לימוד לדורות, אז אזוי דארף עס גיין, איין טריט נאך די אנדערע.

עס קען זיין נאך א רמז אין דער סדר הדברים, ווייל מיר טרעפן ביי די אבות הק' ווי יצחק און יעקב, אז אפילו אז זיי האבן באקומען הייליגע יסודות פון שטוב זענען זיי אבער אן אנדערע בחינה. אינדערצייט ווען אברהם אבינו איז מרמז אויף מידת החסד איז ביי יצחק געווען די בחינה פון גבורה און ביי יעקב איז שוין געווען א דריטע בחינה, און דאס אלעס ווייזט אז אפילו זיי האבן מקבל געווען פון שטוב אסאך בחינות האבן זיי זיך אליין אויסגעבויט א וועג אין עבודת השם.

עס איז צוליב די טעם פארוואס מיר זאגן ביים דאווענען אלקי אברהם, אלקי יצחק און אלקי יעקב, ווייל אויך נאך דעם וואס זיי האבן באקומען די ריכטיגע פונדאמענטן פון שטוב, האבן זיי זיך אליין אויסגעבויט א מהלך אין עבודת השם און צוגעקומען צו די אייגענע אנערקענונג אין עבודת השם און וועגן דעם ווערן זיי באטיטלט מיט דער טיטול פון 'אלקי' ווייל ביי יעדן איז דא די בחינה פון זיין אנערקענונג, זיין פערזענליכע עבודה און צו דעם זענען זיי צוגעקומען נאכ'ן קונה זיין די יסודות פון שטוב און אויף דעם האבן זיי זיך געבויט.

דאס וויל די תוה"ק מרמז זיין אויסשטעלענדיג די סדר הדברים. מיט'ן אנזאגן דער 'מבית אביך' וויל די תוה"ק אז א איד זאל וויסן אז אויך נאך דעם וואס ער האט זיך קונה געווען יסודות פון זיין טאטנ'ס שטוב איז ער נישט קיין בן חורין צו בלייבן מיט דעם און זאגן אז ווייל איך האב אזוי געזען אין שטוב גיי איך אזוי אין דעם וועג, נאר ער זאל צולייגן צו איה, און אויף די גוטע יסודות וואס ער האט גע'ירשנ'ט פון שטוב אויסבויען שיינע און שטארקע יסודות און אליין אויספארעמען זיין וועג אין עבודת השם, ביז ווען ער וועט אליין אנקומען צו דינען הקב"ה אין זיין וועג.

**זאל השי"ת העלפן אז מען זאל זוכה זיין אנצוקומען צו די ריכטיגע מדריגה אין עבודת השם און זיך משלים זיין אין אלע אונזערע וועגן.**

## טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## דער אלמאך הברית ביים טיר

נאך דעם וואס א חשוב'ער איד האט איינגעלאדענט מורינו הרב שליט"א אז ער זאל אנטיילנעמען אין א ברית האט מען זיך גרייט געמאכט ארויסצוגיין פון שטוב אויף די ברית, אבער פונקט אין יענע מינוטן איז געקומען צוגיין א צובראכענער איד און זיך אנגעהויבן אויסרעדן דאס הארץ.

דער איד איז געווען צובראכן ווי א שארב. עס האט אויסגעזען ווי עס איז אן ענין פון פיקוח נפש, אז אויב מען וועט אים נישט אויסהערן וועט עס אים חלילה שאטן צו זיין געזונט.

זעענדיג אז עס איז א נושא פון פיקוח נפש האט מען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און אויסגעהערט דעם איד, נאר ווען מען איז שוין געווען זיכער אז דער איד איז שוין געקומען צו זיך און איז רואיג און עס לויערט נישט אויף אים א סכנה האט מען זיך געגרייט ארויסצוגיין פון שטוב.

עס איז שוין געווען היבש שפעט. ווען מען וואלט געדארפט גיין צופוס וואלט די וועג געדויערט היבש לענגער, אבער גיין רופן א קאר געדויערט אויך צייט, און מען האט זיך גע'ספק'עט וואס וועט זיין שנעלער.

אזוי טראכטנדיג וואס איז בעסער, האט זיך א קאר אפגעשטעלט פארענט פון די שטוב און געעפנט אירע טירן זאגנדיג אז מען זאל אריינקומען.

"וואו וויל מען גיין"? האט דער איד געוואלט וויסן און נאכ'ן זאגן צו וועלכער זאַל מען וויל צופארן האט דער איד דערציילט אז ער איז דא געווען ווייל מען האט אים אהערגעשיקט ער זאל דא אפנעמען א געוויסער טשעק, אבער עס שטעלט זיך ארויס אז מען האט זיך טועה געווען מיט די אדרעס.

"מען האט מיר אהערגעשיקט אז איך זאל נעמען מורינו הרב צו דעם זאל".

מען האט נאך געהאלטן אינמיטן רעדן און דער טעלעפאן קלינגט. דער איד איז מודיע די ריכטיגע אדרעס וואו דער טשעק געפינט זיך. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז א בנין אוועק פון די זאל.

יעצט האט זיך ארויסגעשטעלט אז פון אלע זייטן שטימט עס.

ביידע זענען געווארן באגייסטערט פון די אפענע און קלארע השגחה פרטית וויאזוי עס האט זיך געפירט אז ער זאל אנקומען דא און זיין דער שליח צו ברענגען מורינו הרב שליט"א צום ברית און אז דער טשעק געפינט זיך אייגענטליך דארט.

צו די ברית איז מען אנגעקומען באצייטנס און עס נאך דערלאנגט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מורינו הרב שליט"א]

**די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922**

# טיב המעשיות

הרה"ק רבי נחום טשערנאבילער זצוק"ל בעל 'מאור עינים' זי"ע (וואס זיין יארצייט געפאלט דאנערשטיג פרשת לך-לך, י"א חשון), האט זייער אסאך עוסק געווען אין די מצוה פון '**פדיון שבויים**', און ער פלעגט ארומגיין ווייט און ברייט כדי צו מקיים זיין די מצוה, וועלכע ער האט זייער ליב געהאט און שטארק מהדר געווען אין איר.

און איינמאל האט די השגחה עליונה צוגעפירט אז ער אליין איז אנגעקומען אין געפענגעניש, וועגן א פאלשע בלבול וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף אים. האט זיך דער צדיק שטארק געוואונדערט, וויאזוי עס האט געקענט זיין, אז דווקא אין די מצוה אויף וועלכע ער איז זיך שטענדיג מוסר נפש, איז ער אליין געכאפט געווארן? אויף אזא זאך זאגן דאך חז"ל (ב"ק נ. נדה נב.): "**דָּבָר שֶׁנִּצְטַעֵר בּוֹ אוֹתוֹ צַדִּיק יִכָּשֵׁל בּוֹ**"?

עס איז געווען אין איינע פון די טעג פון חודש מר-חשון, וואס עס ווערט שוין אנטפלעקט אינעם הייליגן ספר בני יששכר (חודש זה ס"ק ב) אז די גזירות המלכות ווערן באנייט אין דעם חודש, און ער שרייבט דארט אזוי: איך האב געהערט פונעם הייליגן רבי'ן רבי מנחם מענדל רימנובער זצוק"ל, אז מיר זעען אז אלע גזירות וואס ווערן נתחדש אויף שונאי ישראל פון די מלכויות, און אזוי אויך דאס ארויפלייגן שטייערן און געלט-שטראפן, אלעס הייבט זיך אן פון חודש מר-חשון. און ער האט געזאגט אז דער טעם דערצו איז, וויבאלד אין דעם חודש איז געווען די מרידה אין מלכות בית דוד.

ווען דער הייליגער מאור עינים איז געלעגן אויף זיין שמאלער בעט אינעם ארעסט-קאמער, אום **ליל שבת קודש פרשת לך לך**, וואס אין יענעם יאר איז עס אויסגעפאלן אום י"א חשון – דער יומא דהילולא פון רחל אמנו ע"ה (וואס דאס געפאלט אויך דעם יאר, אום דאנערשטיג פרשת לך-לך), האט זיך רחל אמנו, די בעלת ההילולא, באוויזן צום הייליגן מאור עינים אין חלום, און זי האט אנגעהויבן רעדן צו אים 'תורה' אויף די פרשה פון די וואך, און אזוי האט זי געזאגט צו אים:

אונזער פרשה הייבט זיך אן מיטן גלות פון אברהם אבינו ע"ה, "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וגו'", און אט די גלות ווערט גערעכנט צווישן די צען נסיונות מיט וועלכע אברהם אבינו ע"ה איז אויספראבירט געווארן (אבות פ"ה מ"ג, זע דארט אין רמב"ם און אין ברטנורא). מען דארף אבער פארשטיין, ווייל לויט די ווערטער פון רש"י ז"ל אויף די ווערטער אנהייב פון אונזער פרשה, וואס ער זאגט דארט "לֶךְ לְךָ – לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ", גיי פאר דיינעטוועגן, פאר דיין הנאה און פאר דיין טובה-וועגן, אויב אזוי, **וואספארא נסיון איז דא אין דעם?**

נאר, האט רחל אמנו ערקלערט פארן הייליגן מאור עינים אין זיין חלום, דער שווערקייט פונעם נסיון, **דאס אליין איז "הֲנָאָתְךָ וְטוֹבָתְךָ"!** אברהם אבינו האט דאך אלעמאל עוסק געווען אין די מצוה פון 'הכנסת אורחים', וועלכע ער האט ליב געהאט און שטארק מהדר געווען אין איר, און דא האט אים דער אויבערשטער באפוילן אז ער זאל יעצט נעמען דעם וואנדער-שטעקן אין האנט, און ארויסגיין פון זיין הויז און פון זיין לאנד, און דערמיט זאל ער איבערגעדרייט ווערן **פון א גאסט-געבער צו א גאסט...** דארפנדיג אליין איינשטיין אין אלע סארטן פלעצער איבער די וועגן. דעריבער האט זיך אברהם אבינו זייער געוואונדערט, פונקט ביי די מצוה אויף וועלכע ער איז זיך שטענדיג מוסר נפש, איז ער אליין געכאפט געווארן? אינדערצייט וואס אויף אזא זאך זאגן דאך חז"ל (ב"ק נ. נדה נב.): "דָּבָר שֶׁנִּצְטַעֵר בּוֹ אוֹתוֹ צַדִּיק יִכָּשֵׁל בּוֹ"?

## לֶךְ לְךָ - לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ

"לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ" (יב, א).

נאר, דער אויבערשטער האט ערקלערט צו אברהם און אים געגעבן צו פארשטיין, אז אט דעם נסיון, אז ער אליין וועט דארפן זיין דער 'גאסט', דאס אליין איז לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ, וויבאלד דאס וועט אים משלים זיין און מאכן שטייגן אינעם הידור פון זיין באליבטע מצוה, און כדי ער זאל קענען בעסער מכבד זיין די געסט, פעלט אויס **אז ער זאל איינמאל פילן 'אויף די אייגענע ביינער' דעם געפיל פון א גאסט...** און ביז ער וועט איינמאל זיין אן 'אורח' וועט ער נישט קענען קלאר ארויסהאבן די טיפקייט פון אט דעם געפיל. פון דעם קומט אויס אז דער גאנצער נסיון איז נאר פאר זיין טובה-וועגן, כדי ער זאל מער מהדר זיין אינעם שלימות פון אט די מצוה.

אזוי אויך דו – האט רחל אמנו אויסגעפירט איר באלערנדער מוסר-רייד – ליגסט דא אינעם ביטערן און שווערן ארעסט-צימער, "לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ"! ווייל וויבאלד אין הימל האט מען געזען דיין געוואלדיגער איבערגעגעבנקייט אין די מצוה פון פדיון שבויים, האט מען דיר געוואלט נאכמער משלים זיין אין די מצוה, און **וויבאלד דו וועסט דאך קיינמאל נישט קענען משיג זיין די טיפקייט פונעם געפיל פון א געפאנגענער, ביז דו וועסט זיך איינמאל געפינען אין זיין מצב.** דעריבער האט מען דיר ארייגעשטעלט אין דעם נסיון לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ! כדי דו זאלסט קענען ריכטיג אפשאצן דעם געפיל וויאזוי איינער שפירט זיך זייענדיג חלילה אין ארעסט! אזוי ווי חז"ל זאגן (אבות פ"ב מ"ד): "אַל תָּדוּן אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ"!

**די פריערדיגע צדיקים פלעגן ערקלערן די משנה, ווי פאלגנד: איז דען דא איינער וועלכער קען ריכטיג וויסן און אנקומען צום ארט פון זיין חבר? נאר אוודאי מוז מען זאגן אז מען זאל בכלל נישט דן זיין דעם חבר, נאר מען זאל איבערלאזן פארן "מקומו של עולם", דאס איז דער אויבערשטער אליין, אז ער זאל אים משפט'ן מיט רחמנות.**

***

אין א ווייטע לאנד, ערגעץ צווישן די הויכע בערג גייט פאר א שווערע און ביטערע קאמף, ווען די מיליטער פון ביידע לענדער קעמפן ביטערליך איינס אנטקעגן דעם אנדערן. עס איז שוין א לאנגע צייט וואס די שווערע מלחמה ציט זיך, און מען זעט נישט קיין ענדע צו די מלחמה, ביידע זייטן האלטן כמעט ביי דעם זעלבן מצב, און עס וועט זיין זייער שווער צו דערגרייכן א קלארע זיג פאר קיין שום זייט.

אזוי האט זיך עס געצויגן, איין טאג האט איין מדינה איינגענומען ברייטע שטיקער לאנד פון איר פיינט, און נאך א קורצער קאמף האט זיך דער זיג איבערגעדרייט און איז אנגעקומען צום אנדערן זייט, ווען די צווייטע מדינה האט זיך געשטארקט און אלעס צוריק איינגענומען! אזוי האבן זיך די צוויי לענדער ביטערליך געקריגט.

ווען דער קעניג האט געזען אז דער זאך ענדיגט זיך נישט, און זיין לאנד האלט אין איין פארלירן שווערע און ביטערע פארלוסטן, האט ער באשלאסן אז ער גייט מאכן א סוף דערצו! **דער קעניג איז בכבודו ובעצמו ארויסגעגאנגען צום** שלאכטפעלד, כדי צו זען פונדערנאנט, וואס זענען די שוואכקייטן ביים פראנט, וואס דאס מאכט אז זיינע געטרייע סאלדאטן זאלן נישט קענען אנקומען צום געוואונטשענעם זיג.

דאס אנקומען פונעם קעניג צום קאמף, איז פארשטייט זיך געהאלטן געווארן שטארק בסוד, און דער קעניג איז באגלייט געווארן אונטער זייער א שווערן וואַך, וועלכע איז געווען צוזאמגעשטעלט פון די בעסטע סאלדאטן וואס האבן ארומגערינגלט דעם קעניג וואו ער איז נאר געגאנגען.

ביי א מלחמה זענען אבער שטענדיג דא איבערראשונגען... צום גרויס ענטוישונג פונעם קעניג, איז דער סוד ארויסגערינען און איז אנגעקומען צו די אויערן פון באהאלטענע שפיאנען פון די קעגנדיגע מדינה, וועלכע האבן זיך געפינען צווישן די סאלדאטן. ווי נאר דער גרופע פונעם קעניג איז אנגעקומען נאנט צו איינע פון די פארפאנצערטע ערטער פון זיין מיליטער, האט זיך פלוצלונג געעפנט פייער אויף זיי, פונעם ארט וואו די מיליטער פונעם אנדערן לאנד האבן זיך באהאלטן! **זיי האבן נאר יעצט געכאפט, אז זיי זענען דא ארייגעפאלן אין א מיאוס'ן נעץ פונעם פיינט!**

א שנעלע שלאכט האט אויסגעבראכן צווישן די פיינט, אינדערצייט וואס א שרעקליכער געפאר האט געלויערט איבערן קאפ פונעם קעניג. נאר אין די לעצטע מינוט איז געלונגען פאר די לייב-וועכטער פונעם קעניג אים ארויסצוראטעווען, צווישן די פילע קוילן וואס זענען געפלויגן אין דער לופט, צו א גוט-באהאלטענעם בונקער, אונטערן הויז פון איינער פון די געטרייע פריינד פונעם קעניג וואס האט געוואוינט אין א נאנטן ארט. **דעם קעניג האט מען באהאלטן טיף אינעם קעלער**, אונטער א ריזיגע הויפן פון אלטע קליידער און אפגעריבענע שמאטעס, וועלכע האבן אויסגעזען ווי זיי זענען שוין דא אנגעזאמלט במשך לאנגע יארן...

עס האט נישט גענומען לאנג, און די שטאט איז איינגענומען געווארן דורכן פיינט, וועמענ'ס פילע סאלדאטן האבן זיך צושפרייט צווישן אלע הייזער פון שטאט, אויפצוזוכן דעם קעניג, וואס לויט פארלעסליכע אינפארמאציע קווועלער זענען זיי געוואויר געווארן אז ער געפינט זיך נאך אלץ אין שטאט.

ווען די פיינטליכע סאלדאטן זענען אנגעקומען צום בנין וואו דער קעניג איז געווען באהאלטן, האבן זיי זיך גלייך אויסגעשפרייט אינעם וואוינונג און

המשך אין עמוד ד' >|




האבן נישט דורכגעלאזט קיין שום ווינקל וואס זיי האבן נישט גרונטליך אונטערזוכט...

אונטן אין קעלער, טיף אין דער ערד, אונטער א הויפן פון פארשימלטע קליידער, הילט זיך דער קעניג טיפער איין אין זיינע קליידער, ציטערנדיג איינגאנצן מיט א שרעקליכן פחד! ווען די פיינטליכע סאלדאטן אים אנטפלעקן? ווייל דעמאלטס איז זיין ביטערע סוף זייער נאנט! רחמנא ליצלן.

פלוצלונג האט זיך דערהערט דער קול פון די שטיוול פון די סאלדאטן, אנקומענדיג אינעם קעלער. א גרופע סאלדאטן האבן זיך איינגעבראכן אינעווייניג האלטנדיג אין די הענט שטארקע לעמפלעך, און האבן גלייך אנגעהויבן גרונטליך דורכזוכן דעם גאנצן קעלער. עטליכע סאלדאטן האבן זיך דערנענטערט צו דעם פארדרוקטן ווינקל, און האבן אנגעהויבן אוועקרוקן די פארשטויבטע און פארשטינקענע קליידער אהין און אהער. **דער אטעם פונעם קעניג איז ווי פארפרוירן געווארן, און ער האט איינגעהאלטן זיין אטעם, א הארעלע האט אויסגעפעלט אז מען זאל אים אנטפלעקן! – די סעקונדעס האבן אים אויסגעזען ווי אן אייביגקייט!**

אבער צו זיין גוטן מזל, האט די שווערע גערוך פונעם קעלער נישט געמאכט אנגענעם פאר די סאלדאטן... און גאנץ שנעל זענען זיי ארויסגעגאנגען פון וואו זיי זענען געקומען, אן קיין שום געפינס! דער לעבן פונעם קעניג איז געראטעוועט געווארן אין די לעצטע מינוט, מיטן קלוגשאפט פון זיין געטרייער פריינד, וועלכער האט אים גוט באהאלטן אונטערן בארג פון די שמאטעס...

אין די נאנטע טעג האט דער קעניג זייער אכטונג געגעבן, און איז געבליבן ווארטן אין זיין באהעלטעניש, אינדערצייט וואס די מלחמה איז ווייטער אנגעגאנגען איבער די גאסן פון די שטאט, צווישן די צוויי לענדער.

צום גרויסן פרייד פונעם קעניג און די שרים, איז נאך עטליכע טעג געלונגען פאר זיינע געטרייע סאלדאטן צוריק איינצונעמען די שטאט. **דער קעניג איז שנעל ארויסגעגאנגען פון זיין באהעלטעניש**, לויבנדיג זיינע געטרייע סאלדאטן אויף זייער דרייסטקייט, און ער האט זיך גלייך צוריקגעקערט צו זיין פאלאץ אינעם הויפטשטאט פון זיין מדינה.

אין געציילטע טעג ארום האט זיך די מלחמה געענדיגט, מיט א זיג פארן קעניג, וועלכער האט ווייטער געוועלטיגט אין זיין גאנצן לאנד, און ביידע זייטן האבן אונטערגעשריבן א פייער-אפשטעל אפמאך.

ביים גרויסן באל וואס דער קעניג האט געמאכט אין זיין פאלאץ פאר אלע מיליטער-לייט לכבוד זיין זיג, זענען פארטיילט געווארן אויסצייכענונגען און מעדאלן פאר די אויסדערוועלטע סאלדאטן וועלכע האבן צוגעהאלפן צום זיג. צווישן די אנדערע געלאדנטע, האט מען אויך גערופן דער געטרייער פריינד פונעם קעניג וועלכער האט געראטעוועט די לעבן פונעם קעניג אין זיין הויז אין די שווערע מינוטן ביי די מלחמה. **אלס דאנקבארקייט אויף דאס וואס ער האט געטון פארן קעניג, האט דער קעניג אים געגעבן א געלעגנהייט, אז ער קען יעצט בעטן וואס ער וויל פון די אוצרות המלוכה.**

צו יעדנ'ס וואונדער, האט דער מענטש געענטפערט: אדוני המלך, איך וויל נישט קיין שום זאך פון אלע גאלדענע און זילבערנע אוצרות, עס פעלט מיר ב"ה נישט אזעלכע, נאר דאס וויל איך יא, איך וואלט געוואלט וויסן, **וואס איז געווען די הרגשה פונעם קעניג דארט אינעם פייכטן קעלער, ווען די פיינטליכע סאלדאטן האבן אריינגעשטעקט זייערע שפיזן אינעם הויפן קליידער, אין זייער אכזריות'דיגע זוכעניש נאכן קעניג?**

ווען דער קעניג האט דאס געהערט, האט ער זיך געמאכט כאילו ער איז געטשעפעט געווארן ביז די טיפענישן פון זיין הארץ... ער איז געווארן רויט פון צארן, און צום וואונדער פון זיינע שרים און קנעכט האט ער גענומען שרייען און שווער באזידלען זיין געטרייען קנעכט: **דאס איז א חוצפה'דיגע פעלשונג אינעם כבוד המלכות!** האט ער שארף באשטימט. וויאזוי קענסטו שפעטן פון מיר, און ליצנות מאכן פון מיינע שווערסטע מינוטן?

דער קעניג איז געווארן זייער אין כעס, און ער האט גלייך ארויסגעגעבן דעם אורטייל פונעם באשולדיגטן, אז ער זאל אויפגעהאנגען ווערן צום טויט אין צענטער פון שטאט! וועגן זיין שרעקליכן חוצפה און פארשעמען די מלוכה!

דריי טעג שפעטער האבן זיך פילע מענטשן פארזאמלט אינעם צענטער פון שטאט, ווען יעדנ'ס אויגן איז געווענדן צום גרויסן באלעמער איבער וועלכן מען האט געשטעלט דעם שטריק און דער הויכער שטאנג. יעדער האט געוואלט זען דעם ביטערן סוף פונעם מורד במלכות! דער וועלכער האט זיך דערוואגט צו שפעטן פונעם קעניג מיט אזא געפערליכע חוצפה!

צום קלאנג פון די גלאקן, האט זיך דערנענטערט דער וואגן פונעם קעניג מיט די געערטע שרים, גלייך צום צענטן פונעם באלעמער. דער אויסרופער האט אנגעהויבן רעדן און האט געלאזט הערן פאר יעדן איינעם, איבערן הארבקייט פון דאס וואס דער באשולדיגטער האט געטון, זיך חוצפה'נען צום קעניג! און דעריבער איז זיין אורטייל ארויסגעגעבן געווארן געהאנגען צו ווערן צום טויט, **למען ישמעו וייראו!**

דער הענגער איז גערופן געווארן צו זיין פאזיציע, און צו די געוויינען און געשרייען פונעם באשולדיגטן, איז דער שטריק גוט ארומגעבינדן געווארן ארום זיין האלז! יעצט האט זיך דער הענגער געגרייט אוועקצורוקן דעם טיש איבער וועלכער דער מענטש איז געשטאנען, כדי ער זאל בלייבן הענגען אין דער לופט און גאנץ שנעל זאל ער אויסהויכן זיין נשמה מיט די שווערסטע טויט פון דערשטיקט ווערן!

אבער אין די לעצטע מינוט, איז פלוצלונג דער קעניג בכבודו ובעצמו צוגעגאנגען צום ארט וואו דער באשולדיגטער איז געשטאנען, און ער האט אים אריינגעזאגט אין אויער: "נו, וויאזוי איז די הרגשה"?

גלייך האט דער קעניג באפוילן אז מען זאל עפענען דעם שטריק פון זיין געטרייער פריינד, און ער האט געזאגט צו אים: זיי מיר מוחל אויף די גאנצע צער וואס איך האב דיר פארשאפט, אבער איך האב דאס געמוזט טון כדי צו ערפולן דיין וואונטש! איך האב נישט געהאט קיין אנדער וועג דיר צו שילדערן דאס וואס איך האב געפילט אין די שווערע מינוטן פונעם סכנה, געפילן זענען דאך עפעס וואס מען פילט אין הארץ, און איז נישט עפעס וואס מען קען ערקלערן מיט ווערטער. דעריבער האב איך נישט געהאט קיין אנדער וועג צו ערפילן דיין וואונטש, נאר דורכן דיר ברענגען צו אן ענדליכן מצב, כדי דו זאלסט אליין שפירן דעם געפערליכן פחד וואס איך האב דעמאלטס געפילט"!

**א געוואלדיגן מוסר השכל לערנען מיר ארויס דערפון, אויף ווי ווייט עס איז שווער און ממש אוממעגליך אנצוקומען צום ארט פונעם חבר און אים דן זיין, און עס איז אוממעגליך אריינצוגיין און שפירן יענעמ'ס געפילן, אויב מען שטייט נישט ממש אויפן זעלבן ארט, אין די שווערע ביטערליכע צרות און יסורים וואס מוטשען און נעמען צו דעם מנוחת הנפש פונעם מענטש לויט זיינע נאטורן און אומשטענדן.**

דעריבער לערנט אונז דער הייליגער תנא הלל הזקן: "אַל תָּדוּן אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ"!

[מתוך שיחה בסיום מס' עירובין, אייר תשס"ח]


## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173